# משיחת ש״פ תצוה (חי אד״ר) תשכ״ז

א. (מאמר ד"ה ועשית מזבח מקטר קטורת).

ב. עס האט זיך גערעדט אין מאמר וועגן דעם פס"ד פון מג"א (או"ח סתקפ"ס סק"ח), אז אין א שנת העיבור איז דער תענית פון ז' אדר אין אדר ראשון, און אויך וועגן דעם טעם ההילוק פון ז' אדר און ל"ג בעומר, וואס אויף ז' אדר שטייט אין טו"ע אז עס דארף זיין דער ענין התענית וכו', משא"כ ל"ג בעומר, הילולא דרשב"י, איז להיפך, אז עס איז א יום שמחה. און דאס איז ניט נאר יום שמחתו של רשב"י, נאר אויך א יום שמחה פאר אלעמען, און עס ווערט אנגערופן יום שמחתינו, וכידוע דער סיפור (המובא בפע"ח) בנוגע איינעם וואס פלעגט יעדן טאג זאגן נחם, און האט אויך בל"ג בעומר געזאגט נחם, האט דאס אים געשאדט, אעפ"י אז ער פלעגט עס זאגן בכל יום, כולל אויך שבת און יו"ט. בל"ג בעומר אבער האט ער עס ניט געטארט זאגן, ווייל די שמחה דארף זיין אויך ביי אונז.

און דער טעם החילוק איז ווי גערעדט אין מאמר, וואס דער מאמר (וועלכער איז פון צמח צדק) איז דער איינציקער ארט אין חסידות וואו איך האב דערווייל געפונען אז עס זאל זיך ריידן דער ענין.

די ענינים ריידן זיך אבער אין ספרי נגלה ודרוש פון גדולי ישראל, ביז אויך אין יערות דבש פון ר' יהונתן אייבשיץ, וואס כידוע ומפורסם איז ער געווען א גדול סיי אין נגלה דתורה און סיי אין פנימיות התורה.

אעפ"י אז עס איז פאראן דער טעם ההילוק, פארוואס ז' אדר איז א יום תענית און ל"ג בעומר איז א יום שמחה, וואס די וועלט לערנט בפשטות, אז עס איז תלוי אין דעם רצון פון דעם בעל ההילולא: וויבאלד משה רבינו האט שטארק ניט געוואלט דעם ענין ההסתלקות, ביז ער האט מתפלל געווען עס זאל ניט זיין, כמבואר אין מדרשים, און ווי פאר-שטאנדיק בפשטות פון די פרשיות התורה, דעריבער איז זיין יום הילולא נקבע געווארן אלס יום תענית,

משא"כ ל"ג בעומר, וואס איז דער יום ההילולא פון רשב"י, איז געווען פאַרקערט, ווארום דער רשב"י איז דאך געווען בשמחה ביום זה, ווי עס שטייט אין אדרא רבה און אדרא זוטא, ובעיקר אין אדרא זוטא, און קודם הסתלקותו האט ער געזאגט בחד קטירא אתקטרנא בי' אחידא ובי' להיטא, און האט פארענדיקט מיט דעם פסוק כי שם צוה ה' את הברכה חיים, ניט פארענדיקנדיק דעםווארט "חיים",

– ועד"ז איז אויך געווען ביים מיטעלער רבי'ן, אז ער איז נסתלק געווארן בעת ער האט געהאלטן ביים ווארט "חיי החיים" –

איז וויבאלד ביי אים איז דאס געווען אן ענין של שמחה, איז דער טאג פון ל"ג בעומר א יום שמחה.

דער ביאור איז אבער ניט מספיק, ווארום הא גופא צריך ביאור: וויבאלד אז עס רעדט זיך וועגן א רועה ישראל, און א רועה נאמן, וואס ער לייגט זיך אוועק און טראכט נאר דאס וואס עס איז נוגע אלע אידן, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז אזוי איז אויך בנוגע לעניננו, אז דאס וואס ביי משה רבינו איז עס געווען שלא ברצון (ניט ווי ביי רשב"י), איז עס ווייל אזוי האט געדארפט זיין, מצד אידן, איז פארוואס דער רשב"י וואס אויך ביי אים זיינען אלע ענינים געווען ווי עס דארף זיין מצד אידן – געווען בשמחה בשעת הסתלקותו,

ובפרט

ובפרט אז ס'איז דאך ידוע אז דער רשב"י איז געווען א ניצוץ פון משה רבינו, איז נאך מער ניט פארשטאנדיק פארוואס דער יום ההילולא פון משה רבינו איז א טאג פון היפך השמחה, משא"כ יום ההילולא פון רשב"י איז א יום שמחה,

און מצד דעם מוז מען אנקומען צו דעם ביאור וואס האט זיך גערעדט אין מאמר.

לכאורה איז אבער ניט פארשטאנדיק דער פס"ד השו"ע, אז ז' אדר דארף זיין א ענין של תענית, בשעת מ'געפינט אין גמרא (נזיר יד,א ובתוד"ה אמר), אז אויב איינער זאגט אהא כז' באדר צי עס איז חל נזירות עליו, וואס נזירות איז דאך א ענין של סיגופים ופרישות, וכמבואר במפרשים מצד דעם וואס ז' אדר איז א יום פון היפך השמחה, אדער ז' אדר איז א יום פון שמחה, ובמילא איז ניט חל קיין נזירות.

וואס דערפון זעט מען אז עס איז דא א סברא אין גמרא אז ז' אדר איז גאר אן ענין של שמחה, איז ווי קען שטיין אין טו"ע מיט א פשיטות, אז עס איז א יום תענית?

מ'קען ניט זאגן אז דער ספק אין גמרא איז, אז מ'איז זיך מסתפק צי ער האט געמיינט ז' אדר כמו שהוא לאחר הסתלקות משה (וואס דעמאלט איז עס לכל הדעות א יום תענית), אדער ער האט געמיינט ז' אדר כמו שהוא קודם הסתלקותו, וואס דעמאלט איז עס א יום שמחה, מצד שבז' באדר נולד משה - אבער לכל הדעות איז ז' אדר יעצט א יום תענית,

ווייל בנדרים הולכין אחר לשון בני אדם, און אויב איינער זאגט אהא כז' באדר, מיינט ער זיכער ווי עס איז לאחר מיתה משה, ווארום דא רעדט מען דאך א זמן רב לאחר מיתת משה, און נאך דעם חורבן וכו' - און פונדעסטוועגן זעט מען אז אין גמרא איז פאראן א סברא אז ז' אדר איז א ענין של שמחה, שטעלט זיך די שאלה ווי זאגט ער אין שו"ע מיט א פשיטות, אז ז' אדר איז אן ענין של תענית.

די שאלה ווערט נאך שטארקער, לויט דעם וואס די גמרא זאגט (מגילה יג,ב), אז בשעת המן הפיל פור און עס איז אויסגעפאלן אויף חודש אדר, שמח שמחה גדולה, ווייל בחודש אדר מת משה. די גמרא זאגט אבער אז המן האט געמאכט א טעות, ולא ידע שבז' באדר מת משה ובז' באדר נולד משה,

זעט מען דאך אז וויבאלד מ'זאגט אז המן האט געמאכט א טעות, ווייל בז' באדר נולד משה, איז ז' אדר א יום של שמחה, און דאס האט אויפגעטאן עס זאל זיין דער ונהפוך הוא, אז דער חודש זאל ווערן א חודש של שמחה, ביז א שמחה גדולה ביותר - אז חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידעי כו'.

ובפרט לויט פירוש רש"י אויף דער גמרא, וואס רש"י זאגט "כדאי יום הלידה שיכפר על יום המיתה", איז דאך דער יום הלידה מכפר אויף דעם יום המיתה, אז עס זאל אינגאנצן ניט פארעכנט ווערן פאר א ענין של היפך השמחה, נאר אדרבה, עס זאל זיין א ענין של שמחה,

איז במילא ניט פארשטאנדיק, כנ"ל, ווי אזוי פסק'נט מען אין שו"ע, אז ז' אדר איז א יום תענית?

איז דער ביאור אין דעם:

האט וואס עס זיינען דא אזוינע טעג וואס זיינען ימי תענית, איז דא אויף דעם צוויי ביאורים:

א)

הנחת הת' בלתי מוגה

א) ס'איז דאך מגלגלין זכות ליום זכאי וחובה ליום חייב, דערפאר אז מ'זעט אז אין דעם טאג איז געווען אן ענין של היפך השמחה, איז דאס א ראי' אז דער טאג בעצם איז ניט קיין מזל'דיקער טאג, דעריבער פאסט מען יענעם טאג.

אעפ"י אז די גמרא זאגט (שבת קנו,א) אין מזל לישראל, איז אבער דער פירוש אין דעם, ווייל דורך תפלה ותשובה קען מען דאס מבטל זיין. און דערפאר טאקע בשעת עס האט געטראפן אין א טאג אן ענין בלתי רצוי, אן ענין פון היפך השמחה, דארף זיין דער ענין פון תשובה ותפלה בו ביום. און בז' אדר האט מען קובע געווען א תענית בו ביום, וואדום דעמאלט איז דאך די תשובה א בעסערע.

ב) וויבאלד אין דעט טאג איז געשען אן ענין פון היפך השמחה, ברענגט דאס אים צו והחי ישוב אל לבו, ער זאל נתעורר ווערן און ביי זיך מאכן א חשבון וואו ער האלט,

וויבאלד אבער אז על כל פשעים תכסה אהבה, קען מצד אהבת עצמו אויסקומען, אז דער חשבון זאל ניט זיין קיין ריכטיקער און ער זאל פאר-בייגן על כמה ענינים, דעריבער האט מען געמאכט מען זאל פאסטן בו ביום, וועט דאס אראפנעמען די אהבת עצמו, און דער חשבון וועט זיין אן אמת'ער.

די נפק"מ פון די ביידע הסברים וועט זיין ווען ביום אחד וועט זיין צוויי ענינים, סיי אן ענין של שמחה און סיי אן ענין של היפך השמחה, ע"ד ווי ז' אדר וואס בו נולד משה (ענין של שמחה) און בו מת משה (ענין של היפך השמחה). לויט דעם ערשטן טעם וועט מען ניט דארפן פאסטן, וואדום אעפ"י עס איז דעמאלט געווען אן ענין פון היפך השמחה, איז דאך אבער ביום זה אויך געווען אן ענין של שמחה, וואס ווייזט אז דער טאג איז יא א מזל'דיקער, ובפרט אז מ'זאגט אז דער יום הלידה איז מכפר על יום המיתה און עס מאכט דעם טאג פאר א יום זכאי, ממילא דארף ניט זיין קיין תענית באותו היום, ואדרבה עס איז גאר א יום שמחה.

לויט דעם צווייטן הסבר אבער, איז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס בו ביום איז געווען אן ענין של שמחה, וויבאלד אבער עס איז געווען בו ביום אזא ענין וואס קען ברענגען דערצו עס זאל זיין דער "והחי ישוב אל לבו", ער זאל מאכן א חשבון וואו ער האלט, און זאל תשובה טאן, דארף ער דאס טאן אין דעם טאג, און עס איז ניט קיין סתירה דערצו וואס ביום זה איז אויך געווען אן ענין של שמחה, ואדרבה, די שמחה איז אים מסייע צו די עבודת התשובה, דעריבער קענען זיין ביידע ענינים (שמחה ותענית) ביחד.

ולפי"ז ווערט פארענטפערט די קשיא הנ"ל: אמת טאקע די גמרא זאגט אז אויב איינער זאגט אהא כז' באדר איז דא א סברא ער זאל מיינען אן ענין של שמחה, וואס דערפון זעט מען אז ז' אדר איז אויך א יום שמחה, און אויך ווי פארשטאנדיק פון די גמרא הנ"ל בנוגע דעם טעות וואס המן האט געמאכט אז ער האט ניט געוואוסט אז בז' באדר נולד משה,

- און דורך דעם איז ארויסגעקומען אז באותו חודש איז געווען דער נס פון פורים, וואס שמחת פורים איז א שמחה גדולה ביותר, מעדער ווי שבת ויו"ט, וואס דערפאר געפינט מען דוקא ביי פורים א חיוב פון חייב איניש לבסומי בפוריא כו' (אעפ"י אז ביי יו"ט איז אויך דא א חיוב פון ושמחת בחגיך) -

און פונדעסטוועגן זאל ז' אדר זיין א יום תענית. נאר, כנ"ל, איז עס קיין סתירה ניט, ווייל דער תענית שבו איז מצד דעם ענין פון והחי ישוב אל לבו, וכנ"ל.

איצטער

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

איצטער אבער איז ניטא דער ענין התענית בז' באדר, כמבואר באגה"ת אז מצד חלישות איז ניטא דער ענין התענית אזויפיל, דארף זיין אבער דער ענין הצדקה וכו', וואס פארבייט ענין התענית.

דא קומט צו נאך אן ענין, וואס עס איז ידוע דער מנהג הנשיאים ביז אויך ביי כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז בז' אדר האבן זיי ניט געזאגט קיין תחנון, וכ"ש אז עס איז ביי זיי ניטא דער ענין התענית,

וואס די הסברה אין דעם איז: ענינם איז דאך וואס זיי זיינען די אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא, וואס עפ"י השגחה פרטית, וואס דאס איז די השגחה העליונה, האט מען זיי נתמנה געווען זיי זאלן זיין די ראש ומוחין של בנ"י, ביז אז אלע ענינים פון אידן, ניט נאר ענינים רוחניים נאר אויך ענינים גשמיים, זאלן דורך זיי דורכגיין,

דער כח אויף דעם נעמט זיך פון משה, וואס ער איז געווען דער ערשטער רועה ישראל, האט ער געגעבן דעם כח די נשיאים שבכל דור ודור, וואס זיי זיינען דער ניצוץ פון משה רבינו, דעריבער איז ביי זיי ז' אדר א יום שמחה, און זיי זאגן ניט קיין תחנון.

אעפ"י אז משה רבינו אליין האט דאך ניט געוואלט דעם ענין פון ז' אדר, כנ"ל, אעפ"כ איז ביי זיי דאס יא אן ענין של שמחה,

ווייל אמת טאקע אז בתחלה האט ער ניט געוואלט, לאחר אבער ווי עס איז געווען, איז דאך ביי אים געווען אן עלי' עי"ז, כמבואר אז בשכר וואס ויקח משה את עצמות יוסף עמו, אז משה וואס אין גדול הימנו האט זיך מתעסק געווען מיט עצמות יוסף, בשכר זה האט זיך מיט אים מתעסק געווען דער וואס אין גדול הימנו, און ווי עס שטייט ויקבור אותו בגי, וואס דאס גייט אויף דעם אויבערשטן,

ביז אז עס איז מבואר, אז בעת ההסתלקות איז ער צוגעקומען לדרגת שער הנו"ן דבינה, ווארום ביז דעמאלט האט ער געהאלטן נאר ביי מ"ט שערים, ווי די גמרא (ר"ה כא,ב) זאגט אויפן פסוק ותחסרהו מעט מאלקים, אז נו"ן שערי בינה נבראו בעולם כולם נתנו למשה חסר אחת, און ביום הסתלקותו האט ער אויך דאס געהאט, כפתגם המגיד עה"פ הר נבו - "נו"ן בו", אז דעמאלט איז ער צוגעקומען לשער הנו"ן. אעפ"י אז אויך ביז דאן איז ער געווען אין א הויכע דרגא, ביז אז פירש מן האשה, און ער האט עס געטאן עפ"י דין, ווארום דער אויבערשטער האט דאך אים געזאגט ואתה פה עמוד עמדי, איז ער אבער בעת ההסתלקות צוגעקומען לדרגא נעלית יותר.

און דאס איז וואס די גמרא זאגט, מה להלן עומד ומשמש אף כאן עומד ומשמש במרום, אז לאחר הסתלקותו איז ער צוגעקומען צו א דרגא פון מרום, אזא דרגא וואס אפילו לגבי משה ווי ער איז געווען פריער הייסט עס מרום.

דערפאר איז אויך ביי דעם אתפשטותא דמשה שבכל דרא ודרא, דער טאג פון ז' אדר א יום של עלי', וואס דערפאר איז דאס א יום שמחה, און מ'זאגט ניט קיין תחנון דעמאלט.

און די עלי' איז ניט נאר פאר זיי אליין, נאר אויך פאר אונז, דורך דערויף וואס מ'איז זיך מקשר מיט אים, ביז אזא התקשרות וואס איז ניט בלויז במחשבה ודיבור נאר אויך במעשה, ווארום המעשה היא העיקר. און דורך נלכה באורחותיו אשר הורנו נצח סלה ועד, אן א הפסק (און ניט אמאל טאן ווי דער רבי וויל, און אמאל טאן ווי ער וויל, נאר עס דארף זיין שטענדיק), עי"ז איז מען מצליח אין לימוד התורה, נגלה וחסידות,

און אין

און אין קיום המצות בהידור, און דורך דעם אז בחוקתי הלכו שתהיו עמלים
שהו"ע הגשמיות,
בתורה ווערט ונתתי גשמיכם בעתם, ביז עס ווערט ווי דער סיום הפרשה
ואולך אתכם קוממיות, בביאת משיח צדקינו יבוא ויגאלנו.

# משיחת ש״פ תשא (שושן פורים קטן) תשכ״ז

א. אין היינטיקן שבת זיינען פאראן כמה ענינים: א) ער איז איינער פון ימי חודש אדר ראשון, ב) אן ענין וואס איז פארבונדן מיט פורים, ווארום ער איז דאך שושן פורים קטן, ואעפ"י אז ער איז בלויז שושן פורים קטן, איז ער דאך דער זעלבער ענין, מער ניט וואס ער איז אין אן אופן פון "קטן".

וואס לכאורה, איז אין דעם ענין פון פורים (און שושן פורים) גארניט שייך צו מחלק זיין פון קטן ביז גדול. ווארום וויבאלד אז בפורים איז דא דער חיוב פון לבסומי עד דלע ידע בין ארור המן לברוך מרדכי (מגילה ז,ב. שו"ע או"ח סי' תרצ"ה ס"ב)

– וואס אין דעם איז חלוק שמחת פורים פון שמחת יו"ט: אויך שמחת יו"ט דארף זיין ביין, ווי דער אלטער רבי פסק'נט אין שו"ע (סי' תקכ"ט ס"ז), אז בזמן הגלות איז מען ניט יוצא מיט שמחת יו"ט אלא ביין. וואס דעריבער דארף מען ביו"ט טרינקען א רביעית יין. דאס איז אבער ניט בדומה צום "לבסומי" פון פורים (וואס אויך דער חיוב פון לבסומי בפוריא איז ביין, ווי רש"י איז מפרש (מגילה שם), אז "לאבסומי" מיינט ביין). ווארום ביו"ט איז ווי דער אלטער רבי פסק'נט אפ בשלהנו (סו"ס תקכ"ט) זיינען בי"ד מחוייב להעמיד שוטרים כו' און אכטונג געבן אז "לא ימשכו ביין", בכדי צו באווארענען עס זאל ניט ארויסקומען אן ענין בלתי רצוי (אן ענין פון "ארור המן"). און בפורים איז דער חיוב פון לבסומי דוקא אין אזא אופן, עס זאל זיין לא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי –

איז בשעת ער האלט ביי "לא ידע", איז דאך ניט שייך ביי אים קיין חילוקים פון פורים קטן צו פורים גדול (ד.ה. פורים שבאדר שני, וואס הייסט בשם פורים גדול), ומכ"ש צו פורים סתם (ד.ה. פורים שבשנה פשוטה, וואס הייסט בשם פורים סתם).

ומה-דאך אז "לא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי", ער שטייט אין אזא מצב וואס ער קען זיך ניט פאנאנדערקלייבן און אפטיילן צווישן ארור המן ביז ברוך מרדכי, וואס דער חילוק צווישן "ארור המן" און "ברוך מרדכי" איז (ניט בלויז בכמות, נאר) אין מהוח און איכות. און ניט נאר וואס זיי זיינען חלוקים זה מזה, נאר זיי זיינען הפכיים זמ"ז ומנגדים זל"ז בתכליח הניגוד. איז מה-דאך אז ער איז ניט שייך צו מחלק זיין צווישן "ארור המן" און "ברוך מרדכי", איז דאך מכ"ש אז ביי אים איז ניט שייך קיין חילוק צווישן "קטן" און "גדול" (אדער "סתם"), וואס דער גאנצער חילוק פון קטנות ביז גדלות איז בלויז בכמות.

וואס במילא איז דורש ביאור, וואס איז דער ענין פון פורים קטן, און מיט וואס איז ער אפגעטיילט פון פורים סתם צי פון פורים גדול, ד.ה. אז כאטש טאקע אז בנוגע להימים עצמם איז יא דא א חילוק פון פורים קטן צו פורים גדול, איז אבער בנוגע להאדם, וויבאלד ער שטייט אין א מצב פון עד דלא ידע, איז דאך ניט שייך לכאורה, אז ביי <u>אים</u> זאל זיין א חילוק פון קטן ביז גדול.

עכ"פ בנוגע לענינינו, איז ווי מען זאל ניט מבאר זיין דעם ענין פון פורים קטן און מיט וואס ער איז הלוק פון פורים סתם צי גדול, איז דאך מובן אבער, אז אויך פורים קטן איז מענין הפורים, עס איז נאר וואס ער איז אין אן אופן פון "קטן".

כאמור לעיל (בתחילת הסעיף), אז אין היינטיקן טאג זיינען פאראן צוויי ענינים: א) וואס ער איז איינער פון ימי חודש אדר ראשון, ב) אין חודש אדר ראשון גופא האט ער אין זיך א מעלה נוספת, וואס ער איז שושן פורים קטן. וועט מען דעריבער מבאר זיין די ענינים על הסדר:

פריער

פריער - דעם ענין פון אדר ראשון, און דערנאך - דעם ענין פון (שושן) פורים קטן.

ב. אויף חודש אדר זאגט די גמרא (תענית כט,סע"א) משנכנס אדר מרבין בשמחה. ואעפ"י אז אין רמב"ם און אין שו"ע ברענגט זיך ניט רעד דין, איז אבער דער מגן אברהם (סתרפ"ו סק"ה) ברענגט עס להלכה. און ס'איז דאך ידוע אויף וויפל דער אלטער רבי האט זיך גערעכנט מיטן מג"א, ווי מען זעט עס אין די פסקי דינים פון אלטן רבי'נס שו"ע, אז ער פסק'נט בכלל ווי דער מג"א. ואעפ"י אז ס'איז דאך ידוע דער פתגם וואס רער אלטער רבי האט געזאגט וועגן דעם (ראה שו"ת הצ"צ חאו"ח סי"ח ס"ד. שו"ת דברי נחמי' חאו"ח רטכ"א), איז דאך אבער אעפ"כ, איז די פסקי דינים שבשו"ע ארמוה"ז וואס ער האט גענומען פון מג"א זיינען געבליבן בשלחנו, און משנה לא זזה ממקומה.

אין דעם דין "משנכנס אדר מרבין בשמחה" איז דא א שאלה, צי דער דין איז דא אויך באדר ראשון. ולכאורה, איז פון דעם וואס רש"י (תענית שם) איז מפרש דעם פון "משנכנס ארר כו'" - "ימי ניסים היו לישראל פורים ופסח", איז א ראי' אז דער דין איז בלויז אין ארר שני און אין אדר שבשנה פשוטה, אבער ניט אין אדר ראשון, ווייל אין אדר ראשון איז ניטא קיין "ימי ניסים".

אין אזא אדר (שבשנה פשוטה, או אדר שני) וואו ס'איז דא די ימי ניסים פון פורים, איז כאטש אז די ימי ניסים זיינען בלויז בי"ד (וט"ו) בו, איז אבער רער טאג פון פורים פועל'ט אויפן גאנצן חודש אז ער זאל נהפך ווערן לשמחה.

ואעפ"י אז די ימים שקודם הפורים זיינען געווען טעג פון היפך השמחה, כמבואר במפרשים אז וועגן דעם ביטול הגזירה האבן זיך די אידן דערוואוסט ערשט דעם לעצטן טאג, ובמילא זיינען די טעג פון (איננו ברור) תחילת חודש אדר געווען טעג פון היפך השמחה, איז אבער לאחרי וואס עס איז געווען דער נס פון פורים, איז דער טאג פון פורים האט גע'פועל'ט אויפן גאנצן חודש, אויך אויף תחילתו, אז ער איז געווארן א חודש של שמחה. וואס דעריבער איז בשנים שלאחרי הנס געווארן דער דין אויף גאנץ חודש אדר, אז משנכנס אדר מרבין בשמחה.

דאס איז אבער נאר אין אזא אדר אין וועלכן עס זיינען דא ימי ניסים, משא"כ בנוגע לחודש אדר ראשון, וויבאלד אין אים איז ניטא דער ימי ניסים דפורים, וואס דערפאר איז בי"ד שבאדר ראשון זאגט מען ניט קיין ועל הניסים, דארף אויסקומען לכאורה, אז אין אים איז ניטא דער דין פון "מרבין בשמחה".

אין אמת'ן אבער איז פון דער רש"י קיין ראי' ניט אז דער דין פון מרבין בשמחה איז באדר שני אדער בשנה פשוטה דוקא. ואדרבה, מצד דער רש"י האט גאר אן ארט, אז דער דין פון מרבין בשמחה זאל זיין אויך באדר ראשון, כדלהלן.

ג. אין רש"י'ס לשון "ימי ניסים היו לישראל פורים ופסח", איז ניט פארשטאנדיק: וואס מיינט רש"י מיטן ווארט "ופסח". מען רעדט דאך דא וועגן "משנכנס אדר כו'", איז וואס קלעפט אהער "ופסח", וואס ער איז גאר אין חודש ניסן?

פאראן מפרשים (לבוש וא"ר סתרפ"ה) וואס לערנען, אז מיטן ווארט "ופסח" מיינט רש"י צו זאגן, אז דער דין פון מרבין בשמחה איז אויך

בזורש

בחודש ניסן. ווארום רש"י'ן האט דא געארט: אזוי ווי באדר, איז ווי־באלד אין אים איז דא דער נס פון פורים, איז אין אים דא דער דין פון מרבין בשמחה, האט דאך געדארפט זיין דער זעלבער דין אויך בחודש ניסן, מצד דעם נס פסח שבו? איז דעריבער זאגט רש"י "ופסח", מיינענדיק דערמיט אז אויך בחודש ניסן איז טאקע מרבין בשמחה.

דער תירוץ איז אבער אינגאנצן ניט מובן: דרכו של רש"י, און אזוי איז אויך דער דרך פון אלע פוסקים, אז בשעת מען וויל זאגן א פסק הלכה, זאגט מען איר בפירוש, באופן ברור, און ניט ברמז.

וכידוע (דאה בארוכה שיחת ש"פ נח תשכ"ה) דער ביאור אין דעם וואס די גמרא (פסחים ג,א) זאגט "עיקם הכתוב שמונה אותיות ולא הוציא דבר מגונה מפיו", דלכאורה, ווי שטימט עס מיט דעם וואס אין ספר ויקרא (בפ' שמיני) שטייט כסדר דער לשון טומאה, און ניט אינו טהור? איז דער ביאור אין דעם: דער כלל "לעולם אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו" איז בלויז ווען ס'איז ניט נוגע להלכה. און דעריבער, איז אין דעם פסוק (בראשית ז,ח) וואו עס ווערט דערציילט וועגן תיבת נח, וואס ס'איז נאר אן ענין פון א סיפור, בגלוי איז דארט ניטא קיין ענינים פון הלכה, איז עיקם הכתוב כו'. משא"כ אין ספר ויקרא וואו עס רעדט זיך הלכות, זאגט די תורה א לשון טומאה און איז זיך ניט מסתפק מיט זאגן אינו טהור, ווייל א הלכה דארף מען ארויסזאגן בפירוש, דברים ברורים, און ניט באנוגענען זיך מיט א רמז, אפילו ניט מיט א רמז גלוי.

ובמילא, איז אויב רש"י וואלט געמיינט צו מחדש זיין א פסק הלכה אז אויך בחודש ניסן איז מרבין בשמחה, וואלט עס רש"י געשריבן בפירוש און זיך ניט מסתפק געווען מיט מרמז זיין דורכן ווארט "ופסח".

ד. נאך א ביאור איז דא אויף דער רש"י אין מפרשים: דער דין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה לערנט אפ די גמרא פון דעם וואס עס שטייט אין משנה "משנכנס אב ממעטין בשמחה". ווערט דאך די קשיא: דער טעם פון דעם וואס משנכנס אב ממעטין בשמחה איז ווייל בחודש אב איז הוכפלו הצרות. וואס דערפאר איז דער דין פון "ממעטין" נאר בחודש אב און ניט בחודש תמוז, הגם אז אויך בתמוז זיינען געווען א סך צרות, ווייל בחודש תמוז איז ניט געווען קיין "הוכפלו". היינט לפי"ז, ווי קען מען ארויסלערנען אז "כשם שמשנכנס אב ממעטין בשמחה כך משנכנס אדר מרבין בשמחה", דלכאורה, וויבאלד אז אין חודש אדר איז געווען בלויז איין נס, דער נס פון פורים, איז עס ניט קיין דמיון צו חודש אב? דעריבער זאגט רש"י "פורים ופסח", אז אויך באדר זיינען פאראן צוויי ניסים, פורים ופסח, הוכפלו.

דער ביאור האלט אבער לכאורה ניט אויס לפי אמיתית הענינים: אויב צוליב דעם דין פון "מרבין בשמחה" מוז מען האבן אז אין אדר זאל זיין הוכפלו הניסים, איז דאך דאס וואס רש"י איז מוסיף "ופסח" גיט ניט צו קיין ביאור אין דעם: פסח איז בחודש ניסן, ניט בחודש אדר, איז ווי אזוי ווערט חודש אדר א חודש שהוכפלו בו הניסים?

מוז מען דאך זאגן, אז אויך דער נס פון פסח איז פארבונדן מיט חודש אדר. און די שייכות פון פסח צו אדר איז אזוי פשוט, אז רש"י דארף עס גארניט אויסטייטשן, ווייל מצד די פשטות פון דעם ענין, נעמט רש"י אן אז מען וועט עס אליין כאפן (וכמשי"ת בסעיף ו'). און וויבאלד אז אויך פסח האט א שייכות צו אדר, קומט דאך אויס, אז אין אדר איז הוכפלו הניסים, און דעריבער איז משנכנס אדר מרבין בשמחה.

ה.

הנחה בלתי מוגה

ה. עפ"י הנ"ל איז אויך פארשטאנדיק פארוואס דער דין פון "מרבין בשמחה" איז בלויז בחודש אדר און ניט בחודש ניסן, וואס אין אים איז געווען דער נס פון יצי"מ, און אויך ניט בחודש כסלו וואס אין אים איז געווען דער נס פון חנוכה.

ובפרט אז חנוכה און פורים זיינען שייך זה לזה, און ווי מען זעט בכמה וכמה מקומות, אז ווען מען רעדט וועגן פורים, ברענגט מען דערביי אויך דעם ענין פון חנוכה. האט דאך געדארפט אויסקומען אז פונקט ווי מצד דעם נס פון פורים איז מען מרבין בשמחה באדר, איז מצד דעם נס פון חנוכה האט מען געדארפט מרבה זיין בשמחה בכסלו?

און די קשיא וועגן כסלו איז נאך שטארקער ווי די קשיא וועגן ניסן. בנוגע ניסן האט מען געקענט ענטפערן, אז דער דין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה איז מצד דעם ווייל פורים איז מדרבנן, און אזוי ווי דברי סופרים צריכים חיזוק (מצד די צדוקים וביתוסים וואס האבן ניט מודה געווען אין תושבע"פ), האט מען דעריבער מתקן געווען עס זאל זיין מרבין בשמחה באדר. משא"כ פסח, וויבאלד ער איז מדאורייתא, האט מען ניט מתקן געווען מען זאל מרבה זיין בשמחה בניסן, ווייל דברי תורה אין צריכים חיזוק.

דער תירוץ אבער איז שייך בלויז בנוגע פסח. משא"כ בנוגע חנוכה איז דאך דער תירוץ ניט שייך, ווייל אויך חנוכה איז מדרבנן. ואדרבה: אויף חנוכה איז מער סברא צו זאגן אז די זאל דארפן האבן א חיזוק ווי אויף פורים. ווארום וועגן פורים איז דא א מגילה וואס די איז ארײנגערעכנט געווארן אין די כתבי הקודש, און ס'איז דא א מצוה צו לייענען די מגילה בפנדים, משא"כ בחנוכה איז מגילת אנטיכוס רעכנט זיך ניט צווישן די כתבי הקודש. בלייבט דאך די קשיא, פארוואס דער דין "מרבין בשמחה" איז בחודש אדר דוקא?

ועפ"י הנ"ל יובן: דער דין פון מרבין בשמחה איז אין אזא חודש דוקא וואס הוכפלו הניסים. בדוגמת דער דין פון "ממעטין" שבאב, ווייל בחודש אב איז הוכפלו הצרות. און דעריבער איז דער דין פון מרבין בשמחה אין חודש אדר דוקא, ווייל אין אים איז הוכפלו הניסים – פורים ופסח.

ו. כאמור לעיל, אז די שייכות פון פסח צו אדר איז אזוי פשוט, אז רש"י דארף עס גארניט אויסטייטשן, און ער באנוגנט זיך מיט די ווערטער "ימי ניסים כו' פורים ופסח", וואס דערמיט דיט ער אן, אז מצד דעם ענין וואס פורים האט א שייכות צו אדר, איז מצד אט דעם זעלבן ענין האט אויך פסח א שייכות צו אדר.

וועגן די שייכות פון פורים צו אדר, דערציילט די ברייתא (מגילה יג,ב), אז בעת המן האט געזען אז דער פור איז אויסגעפאלן אויף חודש אדר, שמח שמחה גדולה [ניט שמחה סתם, נאר שמחה גדולה. וואס אזוי איז אויך בעת דער חודש איז נהפך געווארן, איז מען אין דעם חודש "מרבין בשמחה"], זאגנדיק "נפל לי פור בירח שמת בו משה". און די ברייתא איז מסיים "ולא הי' יודע שבשבעה באדר מת ובשבעה באדר נולד". דאס הייסט, אז לידתו של משה, וואס עס איז געווען בחודש אדר, דאס האט געבראכט צום נס פון פורים.

דער עדשטער ענין וואס משה האט אויפגעטאן ביי אידן איז – יצי"מ. דאמת סאקע אז אויך מ"ת איז געווען דורך משה'ן, און דאס – מ"ת – איז דער תכלית פון יציאת מצרים, כמו שכתוב בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים

הנחה בלתי מוגה

האלקים על ההר הזה, אבער אעפ"כ, איז דאך מ"ת געקומען נאך יציאת מצרים; דער ערשטער ענין וואס משה האט אויפגעטאן איז יציאת מצרים.

און דאס וואס "בשבעה באדר נולד" איז פארבונדן מיט דעם ענין פון משה'ן, וואס ער איז געווען "מושיען של ישראל", וואס ער האט ארויס-גענומען די אידן פון מצרים. און ווי די גמרא (סוטה יב,ב. וראה גם פירש"י עה"ת שמות א,כב) דערציילט, אז מצד דעם וואס די מצריים האבן געזען אז נולד מושיען של ישראל, און זיי האבן ניט געוואלט צולאזן עס זאל זיין יציאת מצרים, איז זעענדיק אז "במים הוא לוקה", האבן זיי גוזר געווען כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, מיינענדיק אז דערמיט וועלן זיי פטור ווערן פון מושיען של ישראל, ובמילא, ניט צולאזן צו יציאת מצרים. זיי האבן אבער א טעות געהאט - "והם אינן יודעין שעל מי מריבה הוא לוקה"

קומט דאך אויס, אז דער עיקר אויפטו פון לידתו של משה וואס איז געווען בשבעה באדר - וואס דאס האט געבראכט דעם נס פון פורים כנ"ל - איז דאס וואס דאן איז נולד מושיען של ישראל, וואס דורך דעם איז דערנאך געקומען יציאת מצרים. און דאס מיינט רש"י מיט די ווערטער "פורים ופסח" - כאטש אז פסח איז גאר בט"ו בניסן (און ניט באדר) - ווייל רש"י מיינט דא דעם ענין פון פסח - יציאת מצרים - וואס האט געבראכט צו פורים, ד.ה. לידת מושיען של ישראל, כנ"ל. און דער ענין פון פסח איז טאקע באדר.

ז. מכל הנ"ל קומט אויס, אז דער מרבין בשמחה פון אדר איז פארבונדן ניט בלויז מיטן נס פון פורים בפועל, נאר אויך מיט די התחלת הענין, מיט לידת מושיען של ישראל, וואס האט געבראכט צום נס פון פורים. וואס פון דעם איז מובן, אז עס האט אן ארט עס זאל זיין דער מרבין בשמחה אויך באדר ראשון, ווארום אין אים איז דאך די התחלת הענין פון אדר (ופורים), וואס דעריבער הייסט ער ניט מיטן נאמען שבט שני, נאר - אדר ראשון.

דלכאורה, וויבאלד אז אדר ראשון איז דער אדר הנוסף (ר"ה יט,ב. רש"י ותוס' שם). [ווארום אעפ"י אז שנה מתעברת בסופה, מיינט עס ניט אז דער חודש העיבור איז דער לעצטער חודש ממש, נאר כנ"ל אז אדר ראשון איז דער חודש הנוסף (דאה תוס' שם)]. האט מען דאך אים געקענט אנרופן אויך בשם שבט שני, און פונדעסטוועגן זעט מען דאך אז ער הייסט אדר ראשון דוקא, ווארום עניננו איז אדר (וואס דעריבער איז אין אים דא פורים קטן און שושן פורים קטן). און וויבאלד אז אין אים איז התחלת ענין האדר, דארף דאך אין אים זיין דער מרבין בשמחה.

ח. נוסף לזה: כאמור לעיל, אז דער מרבין בשמחה שבאדר איז מצד דעם וואס אין אים איז געווען לידתו של משה, מושיען של ישראל, און דער נס פון פורים. און די צוויי ענינים האבן דאך א שייכות (אויך) צו אדר ראשון:

בנוגע לידתו של משה, איז אעפ"י אז אין גמרא (סוטה יב,ב) איז פאראן א פלוגתא צי לידתו של משה איז געווען באדר ראשון צי באדר הסמוך לניסן: איז אבער עפ"י הפסק פון מג"א (סתק"פ סק"ח) - וואס ברענגט זיך אין בדיוק פון ז' אדר ראשון - בנוגע צום יום התענית פון ז' אדר (וואס איז מצד הסתלקותו של משה), אז דער תענית איז באדר ראשון. און דער מגן אברהם ברענגט דארטן די דיעה אז הסתלקותו של משה איז געווען באדר ראשון, איז פארשטאנדיק אז אויך לידתו של משה איז באדר ראשון, ווייל:

א) הקב"ה מקדים רפואה למכה. און וויבאלד אז לידתו של משה האט מכפר געווען על מיתתו (רש"י ד"ה ובשבעה באדר מגילה יג,ב), האט דאך ניט קיין אדם צו זאגן, אז לידתו זאל זיין מיט א חודש שפעטער.

ב)



הנחה בלתי מוגה

ב) די ראי' אויף דעם וואס משה איז נולד בשבעה באדר איז דאך פארבונדן מיט דעם וואס הקב"ה יושב וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום ומחודש לחודש (קדושין לח,א). איז לויט דער דיעה המובאה במג"א, אז הסתלקותו של משה איז געווען באדר ראשון, מוז מען דאך זאגן, אז אויך לידתו איז געווען באדר ראשון.

אזוי אויך בנוגע דעם צווייטן ענין שבאדר, דער נס פון פורים, איז אעפ"י אז בפורים קטן זאגט מען ניט קיין ועל הניסים (מג"א ר"ס תרצ"ז), איז דאך אבער דער דין, אז אויב ער האט יא געזאגט ועל הניסים (אין שמו"ע, אדער אין ברהמ"ז, וואס בכמה ענינים איז ברהמ"ז אזוי האר וויבי שמו"ע), איז אין מחזירים אותו (חמד משה), ביז ס'איז דא א סברא – וואס אויך א סלקא דעתך פון תורה איז דאך תורה – אז אויך לכתחילה זאל מען זאגן ועל הניסים בפורים קטן, ווייל וויבאלד אז די משנה (מגילה ו,ב) זאגט "אין בין אדר הראשון לאדר השני אלא קריאת המגילה ומתנות לאביונים" קומט אויס, אז בנוגע אלע אנדערע ענינים איז אדר ראשון גלייך צו אדר שני.

איז בנוגע צו אמירת ועל הניסים, איז טאקע דער דין, אז בפורים קטן זאגט מען ניט ועל הניסים. אבער בנוגע צום ענין פון מרבין בשמחה (אז מצד די שייכות פון ועל הניסים צו פורים קטן זאל מען אויך באדר ראשון מרבה זיין בשמחה), איז וויבאלד אז שמחה דארף דאך זיין אויך בכל ימות השנה

– ווארום עבודת ה' דארף דאך זיין בשמחה, כמ"ש ועבדת את ה"א בשמחה ובטוב לבב גו' (ראה תניא פכ"ו). און וויבאלד אז עבודת ה' דארף זיין בכל עניני האדם, באכילתו ובשתייתו וכו' (ווי דער רמב"ם איז מבאר באריכה אין הלכות דיעות פ"ג) די גאנצע פיר און צוואנציק שעה פון מעת-לעת (אויך בשעת השינה – רמב"ם שם), ובמילא קומט דאך אויס אז מען דארף שטענדיק זיין בשמחה, בכל רגע ורגע –

איז בשעת אז מען קען נאר פארבינדן מיט אן ענין של הלכה אז עס זאל זיין א ריבוי בשמחה, האט עס דאך אודאי אן ארט, אז אויך באדר ראשון זאל זיין דער מרבין בשמחה.

און די שמחה זאל זיין באופן וואס זאל ארומנעמען און דורכנעמען דעם גאנצן מענטשן, ניט נאר עניניו הרוחניים, נאר אויך עניניו הגשמיים. וואס אין דעם באשטייט דאך די מעלה פון פורים אויף חנוכה – כמ"ש בט"ז, ומבואר בחסידות – אז די שמחה פון פורים דארף זיין אויך בענינים הגשמיים.

און דער אויבערשטער זאל געבן, אז מען זאל זיך געפינען אין אזא מעמד ומצב, אז סיי מצד עניני הנפש און סיי מצד עניני הגוף, זאל מען זיין בשמחה.

און די שמחה פון חודש אדר וואס איז פארבונדן מיט פורים, וועט זיין די הקדמה והכנה צו דעם "שמחת עולם על ראשם" וואס וועט זיין בביאת משיח צדקנו, ווארום ס'איז דאך "מסמך גאולה לגאולה", איז די שמחת הגאולה דפורים וועט זיין א הקדמה קרובה צו דער שמחת הגאולה השלימה וואס וועט קומען דורך משיח צדקנו בקרוב ממש.

ט. (אמר, שהתלמידים יהיו הנוסעים לאוסטרליא דארפן זיין ראשונים לכל דבר שבקדושה. שלכן יהיו הראשונים לומר "לחיים" על כוס גדול מלא (והוסיף, שבשביל מילוי שליחותם דארפן זיי שטיין על רגלי עצמם, און מען דארף זיי ניט מעורר זיין על כל ענין). ואח"כ ציוה לעוד כמה מהמסובים לומר לחיים על כוס גדול מלא.

ניגנו ניגון שמח, ובאמצע הניגון עמד מלוא קומתו ורקד).

יו"ד.

<u>הנחה בלתי מוגה</u>